**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט זעקס פירנדע ריעל עסטעיט גרופעס אויסדערוועהלט אין צווייטע רונדע פון 'עמפייער בילדינגס טשעלענדזש' צו שטופן פאר קלימאט-פריינטליכע געביידעס אין ניו יארק סטעיט**

***די דריטע רונדע פון די טשעלענדזש איז יעצט אפן צו שטופן פאר לייזונגען צו מאכן שטייעדיגע אפארטמענט געביידעס ווערן נידעריג אין קארבאן.***

***שטיצט 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' ציהל צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און די גאווערנער'ס ציהל צו אהערשטעלן צוויי מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז זעקס פירנדע ריעל עסטעיט גרופעס זענען אויסדערוועהלט געווארן אין די צווייטע רונדע פון די 50 מיליאן דאלארדיגע 'עמפייער בילדינגס טשעלענדזש' צו שטופן פאר קלימאט-פריינטליכע געביידעס אין ניו יארק סטעיט. די היינטיגע אנאנס האט אויך אריינגערעכנט די עפענונג פון א דריטע רונדע פון די טשעלענדזש, מיט א רוף פאר א נייע גרופע פון ריעל עסטעיט גרופעס זיך צו אנשליסן אין די טשעלענדזש זיך צו פאראויס רוקן מיט ענערגיע-שפארזאמע לייזונגען וואס קענען נאכגעמאכט ווערן צו אראפנידערן די קארבאן באנוץ פון שטייעדיגע אפארטמענט געביידעס. ניו יארק'ס 'עמפייער בילדינגס טשעלענדזש' שפילט א וויכטיגע ראלע ביים פארשנעלערן די סטעיט'ס פארשריט אין די ריכטונג פון די ציהל פון דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט' (Climate Leadership and Community Protection Act) צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און די גאווערנער'ס ציהל צו אויפבויען צוויי מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער.

"אריבערגיין צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע מיינט אונטערנעמען געוואגטע שריט היינט וועלכע וועלן האבן א באדייטנדע ווירקונג מארגן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכברעכנדע אינוועסטירונגען דורך די עמפייער בילדינגס טשעלענדזש טראנספארמירן די וויאזוי די געביידע אינדוסטריע קומט אויף מיט- און פירט איין קלימאט-פריינטליכע לייזונגען — א קריטישע טייל פון אונזערע באמיאונגען צו מאדערניזירן אונזערע געביידעס, פארבעסערן לופט קוואליטעט און צושטעלן מער ענערגיע-שפארזאמע וואוינונגען און ארבעטספלעצער פאר די קומענדיגע דור פון ניו יארקער."

**צווייטע רונדע שותפים אנאנסירט היינט**
אין די צווייטע רונדע פון די טשעלענדזש – אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) – זענען זעקס ריעל עסטעיט שותפים אויסדערוועהלט געווארן צו דורכפירן א דעמאנסטראציע פראיעקט וואס אדרעסירט איין אדער מער שטרויכלונגען וואס שטערן דאס אראפנעמען זייערע געביידע(ס) פון קארבאן באנוץ. די נייע שותפים צו באקומען גרענטס האבן צוזאמען אין זייער

אייגנטום איבער 108 מיליאן סקווער פיס פון ריעל עסטעיט און 18,000 וואוינונג יוניטס אריבער ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג 1,500 אפאָרדעבעל האוזינג יוניטס. די גרענטס פירן אויך צו איבער 57 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונג פון די טשעלענדזש ריעל עסטעיט שותפים, בשעת'ן צוציהען פירמעס וואס שטעלן צו אזעלכע סארט לייזונגען צו ברענגען ערפידונג און ביזנעס אינוועסטירונג צו ניו יארק סטעיט.
די זעקס פראיעקטן רעכענען אריין:

**Amalgamated Housing Corporation (AHC)**

- סומע געשאנקען: 3 מיליאן דאלאר
- מאנשאפט רעכנט אריין: En-Power Group און Egg Geo
- געביידעס: Tower 1 און Tower 2, 3965 – 3975 Sedgwick Avenue, Bronx, NY 10463

- אפאָרדעבעל האוזינג פּראפּערטיס, 316 יוניטס, 20 שטאק, 425,000 סקווער פיס

**BXP**

- סומע געשאנקען: 1.1 מיליאן דאלאר
- מאנשאפט רעכנט אריין: Jaros, Baum & Bolles און Norges Bank Investment Management
- געביידע: 601 Lexington Avenue, New York, NY
- קאמערציעלע אפיס געביידע, 59 שטאק, 1.5 מיליאן סקווער פיס

**Brookfield Properties**

- סומע געשאנקען: 3 מיליאן דאלאר
- מאנשאפט רעכנט אריין: Cosentini Associates
- געביידע: 660 5th Avenue, New York, NY 10022
- קאמערציעלע אפיס געביידע, 41 שטאק, 1.4 מיליאן סקווער פיס

**LeFrak Organization**

- סומע געשאנקען: 3 מיליאן דאלאר
- מאנשאפט רעכנט אריין: Steven Winters Associates, Inc. און Ryan Soames Engineering
- געביידעס: 59-17 Junction Boulevard, Queens, NY 11371
- קאמערציעלע אפיס געביידע, 20 שטאק, 396,000 סקווער פיס

**Tishman Speyer**

- סומע געשאנקען: 3 מיליאן דאלאר
- מאנשאפט רעכנט אריין: Jaros, Baum & Bolles Consulting Engineers, LLP און Brightcore
- געביידע: 520 Madison Avenue, New York, NY 10022
- קאמערציעלע אפיס געביידע, 43 שטאק, 1 מיליאן סקווער פיס

**Vornado**

- סומע געשאנקען: 1 מיליאן דאלאר
- מאנשאפט רעכנט אריין: Jaros, Baum & Bolles Consulting Engineers
- געביידע: PENN 1 Plaza, New York, NY
- קאמערציעלע אפיס געביידע, 57 שטאק, 2.5 מיליאן סקווער פיס

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "די עמפּייער בילדינגס טשעלענדזש פירט צו עקאנאמישע וואוקס און צו א התחדשות אין ניו יארק דורכן צוציהען די בעסטע מעניופעקטשורערס, פירמעס וואס שטעלן צו לייזונגען און ביזנעסלייט פון ארום די וועלט צו ארייננגיין אין שותפות'ן מיט די סטעיט'ס פירנדע ריעל עסטעיט פירער צו העלפן טויש אונזערע עקזיסטירנדע געביידעס צו ווערן די געביידעס פון די צוקונפט. די נייע שותפות'ן ברענגען פאראויס פארשפרעכנדע, נייע לייזונגען וואס קענען נאכגעמאכט ווערן פאר אונזערע הויכשטאקיגע געביידעס וועלכע שטעלן אוועק נייע דעזיין סטאנדארטן, פארבעסערן דירעקט אומשטענדן פאר די מענטשן וואס וואוינען דארט און רעדוצירן ענערגיע קאסטן — בשעת'ן העלפן מאכן ניו יארק פאר די סאמע צענטער פון די נידעריגע-קארבאן איבערבויאונג אינדוסטריע."

NYSERDA האט איבערגעקוקט פארשלאגן באזירט אויף די פאטענציאל פון א פריאעקט צו קענען נאכגעמאכט ווערן און די מעגליכקייט דערפון צו אדרעסירן די הויפט פראבלעמען פון אראפנעמען הויכשטאקיגע געביידעס פון קארבאן באנוץ, און אזוי אויך אויף דעם ביזנעס אייגנטומער'ס וויליגקייט און מעגליכקייט צו דורכפירן לייזונגען אין אלע זייערע געביידעס. נאך איינצלהייטן קענען געפונען ווערן איבער אלע איבערבויאונג פראיעקטן איבער NYSERDA'ס עמפייער בילדינגס טשעלענדזש וועבזייטל.

**Amalgamated Housing Corporation'ס טרעזשורער, עד יעיקער, האט געזאגט,** "באגייסטערנדע זאכן געשעהען היינט אין קארבאן רעדוקציע טעכנאלאגיע. דורך די עמפייער בילדינגס טשעלענדזש, איז Amalgamated פרייליך אז אונזערע קאָ-אַפּ איינוואוינער וועלן זיין פון די ערשטע צו בענעפיטירן, געניסנדיג פון מער באקוועמליכקייט און נידעריגע קאסטן אזוי ווי מיר שטופן פאראויס קלימאט פריינטליכקייט. מיר זענען שטאלץ אז אנדערע געביידעס וועלן קענען נאככפאלגן אין אונזערע טריט און זיך אפלערנען פון אונזער ערפארונג אזוי ווי זיי רעדוצירן זייערע אייגענע קארבאן עמיסיעס. צוזאמען קענען מיר העלפן ערגרייכן ניו יארק סטעיט'ס קלימאט ציהלן."

**BXP ניו יארק ראיאן עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט, הילערי ספען, האט געזאגט,** "דאס איז א וויכטיגע געלעגנהייט צו פירן א נייע עפאכע פונעם אראפנעמען היץ ענערגיע פון קארבאן אין ניו יארק סיטי מיט NYSERDA און מיט אונזערע שותפים פון Norges Bank Investment Management. דער פראיעקט איז אין איינקלאנג מיט אונזער פארפליכטונג פאר אלע אונזערע געביידעס צו אנקומען צו קארבאן-נייטראלע אפעראציעס ביז 2025. NYSERDA'ס עמפייער בילדינגס טשעלענדזש און דער פראיעקט וועלן זיין ווערטפול צו אויפווייזן די קאנצעפט פאר BXP, פאר אנדערע קאמערציעלע אייגנטימער אין ניו יארק סיטי און פאר די ברייטערע ריעל עסטעיט אינדוסטריע."

**Brookfield Properties ענווייראמענט-פריינטליכקייט SVP, מייקעל דעשלי האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו אריינגיין אין א שותפות מיט NYSERDA אין די עמפּייער בילדינגס טשעלענדזש פאר אונזער נארוואס איבערגעבויטע פראפערטי אויף 660 Fifth Avenue. דער פראיעקט איז א גרויסע טריט אין אונזער פארפליכטונג צו אנקומען צו קארבאן נייטראליטעט און צו שטופן פאר די ווירקזאמע באנוץ פון נאטורליכע אוצרות. מיר גלויבן אז דער פראיעקט וועט דינען אלס א מוסטער פאר לייזונגען

וואס קענען נאכגעמאכט ווערן צו אראפגיין פון קארבאן באנוץ וועלכע וועלן זיך ארויסווייזן צו ברענגען בענעפיטן פאר טענאנטס, אינוועסטירער און אונזער קאמיוניטי."

**דזשאַנעטען פלאהערטי, מענעדזשינג דירעקטאר און גלאבאלע הויפט פון ענווייראמענט-פריינטליכקייט און געביידע טעכנאלאגיעס ביי Tishman Speyer, האט געזאגט,** "Tishman Speyer איז פארפליכטעט צו די געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע קליענטן און צו מינימיזירן אונזער שאדן צו די ענווייראמענט איבער אלע קאמיוניטיס וועם מיר דינען. אונזער באטייליגונג אין NYSERDA's עמפייער בילדינגס טשעלענדזש ווייזט ארויס אונזער אנטשלאסנקייט צו שאפן א פלאן צו צוביסלעך אראפנעמען אלע אונזערע געביידעס אריבער די גאנצע וועלט פון קארבאן באנוץ — א זאך וואס מיר האבן זיך פארפליכטעט צו פארענדיגן ביז 2050 אדער נאך שנעלער. מיר ערווארטן אז די ערפינדונגען אויף וועלכע מיר וועלן ארבעטן אויף 520 Madison, אריינרעכענענדיג אריינגראבן אין די ערד צו ארויסנעמען היץ ענערגיע פון די ערד ('דזשיאָו-טערמעל ענערדזשי'), וועט גיבן וויכטיגע לעקציעס נישט נאר פאר Tishman Speyer נאר פאר די גאנצע ריעל עסטעיט קאמיוניטי."

**Vornado Realty Trust פרעזידענט און טשיעף פיינענטשעל אפיסער, מייקעל פרענקאָו, האט געזאגט,** "Vornado איז קאנצענטרירט אויף די קומענדיגע פראנט פון ענווייראמענט-פריינטליכע ריעל עסטעיט דורך טעכנאלאגיע, שטאנדהאפטיגקייט אין ווירקזאמקייט און די אלגעמיינע געזונטהייט פון טענאנטס וואס באפעסטיגן אונזער פארפליכטונג צו קארבאן נייטראלע אפעראציעס ביי PENN 1. דער פראיעקט בשותפות מיט NYSERDA ערלויבט אונז זיך צו פאראויס רוקן מיט אונזערע ציהלן און דערנאך צו נוצן די זעלבע לייזונגען אריבער אונזער 25 מיליאן סקווער פיס פון הערליכע פארמעגנס, פארגרעסערנדיג אונזער השפעה און פאראויס שטופן דאס אראפגיין פון קארבאן אריבער גאנץ ניו יארק סיטי."

**קריסטאפער ד. קאָלאסאנטי, PE, LEED AP, CEA און אסאָוסיעט שותף פון JB&B, האט געזאגט,** "די JB&B טיפע קארבאן רעדוקציע גרופע איז שטאלץ זיך צו באטייליגן אין די עמפייער בילדינגס טשעלענדזש מיט דעוועלאפערס וואס קוקן אויף פאראויס. עס איז דאס צוזאמברענגען די ריכטיגע מענטשן אין דינסט פון א גרעסערע און וועזנטליכע צוועק וואס – ביים ענדע – מאכט די גאנצע חילוק."

**דריטע רונדע פון די טשעלענדזש**

אונטער די דריטע רונדע פון די טשעלענדזש זוכט די NYSERDA גרופעס צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר פראיעקטן צו איבערמאכן שטייעדיגע געביידעס מיט א צוגאנג וואס זוכט צו טרעפן טעכנישע און עקאנאמישע וועגן וואס קענען נאכגעמאכט ווערן צו צוביסלעך אויפהערן נוצן פאַסיל ברענשטאף אויפן ארט בשעת'ן אויך פארמערן די באקוועמליכקייט און ווירקזאמקייט פאר מענטשן וואס וואוינען אין אפּארטמענט געביידעס — איינס פון די סארטן געביידעס וואס איז די שווערסטע אראפצונעמען פון קארבאן באנוץ. די אויסדערוועהלטע שותפים וועלן באקומען ביז $100,000 אין טעכנישע הילף שטיצע און זיי וועלן זיין בארעכטיגט צו אריינגעבן נידעריגע קארבאן איבערבויאונגען פארשלאגן פאר נאך א רונדע פון פינאנצירונג פאר די בעסטע פארשלאגן, ערווארטעט אין זומער פון 2024.

די תנאים פאר אפליקאנטן צו זיין בארעכטיגט רעכענען אריין:

- דער געביידע אייגנטומער מוז האבן א פארשלאג פאר א פראיעקט צו אראפנעמען געביידעס פון קארבאן באנוץ וואס איז גרייט צו דורכגעפירט ווערן בעפאר די ענדע פון 2025;

- דער געביידע אייגנטימער מוז אפּלייען פאר דעם פראגראם בשותפות מיט א פירמע וואס וועט אנפירן די טעכנישע חלקים פון דעם פראיעקט, צום ביישפיל א מעכאנישע, עלעקטרישע און פלאמבינג (Mechanical, Electrical, and Plumbing, MEP) אינזשינערונג פירמע;
- דער געביידע אייגנטומער מוז פארשלאגן געביידעס פאר באטייליגונג אין דעם פראגראם וועלכע האבן צום ווייניגסטנס 50 האוזינג יוניטס;
- דער געביידע אייגנטומער'ס פובליק פארפליכטונג צו קארבאן רעדוקציע אין זייערע ניו יארק סטעיט געביידעס איז איינס פון די הויפט קריטעריאנען וואס ביישטייערן צו די צייכן וואס דער אייגענטומער באקומט.

אפליקאציעס דארפן אריינגעגעבן ווערן ביז 3:00 נאכמיטאג נאוועמבער 16, 2023, און די געווינער זענען ערווארטעט צו אויסדערוועהלט ווערן אין יאנואר פון 2024.

די עמפּייער בילדינגס טשעלענדזש וואס איז [אנאנסירט געווארן אין סעפטעמבער פון 2020](), האט אויפגעשטעלט א שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן מיט פירנדע ריעל עסטעיט דעוועלאפּערס וועלכע קאנטראלירן צוזאמען איבער 220 מיליאן סקוועיר פיס פון ריעל עסטעיט אין ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג מער פון 250 געביידעס וועלכע האבן אין זיך אפּאָרדעבעל האוזינג. די שותפים האבן זיך אונטערגענומען צו אנקומען צו זיין קארבאן נייטראל אין איינס אדער מער פון זייערע געביידעס און אין קרוב צו 800 יוניטס פון אפּאָרדעבעל האוזינג צוזאמען, מיט די פאטענציאל צו דאס פארברייטערן צו זייערע אנדערע געביידעס צו מער פון 25,000 יוניטס פון אפּאָרדעבעל האוזינג. א פולע ליסטע פון די עמפּייער בילדינגס טשעלענדזש שותפים און מער אינפארמאציע איבער די פּראפּערטיס פאר וועלכע זיי האבן זיך אונטערגענומען צו אנקומען צו זיין קארבאן נייטראל קען געפונען ווערן אויף [NYSERDA'ס וועבזייטל](). געביידע אייגנטימער, פירמעס וואס שטעלן צו לייזונגען, מעניופעקטשורערס און אנדערע פאראינטערעסירטע קערפערשאפטן ווערן געמוטיגט צו באזוכן http://nyserda.ny.gov/EBC פאר נאך איינצלהייטן איבער די עמפּייער בילדינגס טשעלענדזש און צו לערנען וויאזוי צו באקומען א שותפות מיט NYSERDA, רעדוצירן קארבאן עמיסיעס און צו נעמען א חלק אין די ריינע ענערגיע עקאנאמיע.

געביידעס זענען די גרעסטע קוואל פון גרינהויז גאז עמיסיעס אין ניו יארק סטעיט, פאראנטווארטליך פאר איין דריטל יערליכע עמיסיעס איבער'ן סטעיט. אריינבויען ענערגיע-שפארזאמקייט און עלעקטריציטעט-באנוץ מאסנאמען אין נייע און אין שטייעדיגע געביידעס וועט רעדוצירן קארבאן פארפעסטיגונג און העלפן ערגרייכן מער שטאנדהאפטיגע, געזונטע און באקוועמע געביידעס אין שטיצע פון די סטעיט'ס אמביציעזע ציהל צו אנקומען צו 2 מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער ביז 2030. דורך NYSERDA און יוטיליטי פראגראמען, ווערט איבער 6.8 ביליאן דאלאר אינוועסטירט צו אראפנעמען געביידעס פון קארבאן כדי צו ערגרייכן די סטעיט'ס ציהלן מיטן אראפגיין פון קארבאן באנוץ. דורכן פארבעסערן ענערגיע שפארזאמקייט אין געביידעס און אריינשטעלן אויפן-ארטיגע סטארעדזש, ריינע ענערגיע מיטלען, און עלעקטרישע קארן טשאַרדזשינג עקוויפּמענט, וועט די סטעיט רעדוצירן קארבאן פארפעסטיגונג און פאראויס גיין מיט איר ציהל צו רעדוצירן אויפן-ארטיגע ענערגיע באנוץ מיט 185 טריליאן BTU ביז 2025, גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר 1.8 מיליאן היימער.

**<u>ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן</u>**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר

ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418